שׂימחת־תּורה איז געפּראַוועט געוואָרן אין קראָקע אויף דעם זעלבן שטייגער ווי אין אַנדערע שטעט. אין דער פֿרי זײַנען ייִדן אַרומגעלאָפֿן בגילופֿינדיק איבער די גאַסן, אָבער שיכּור איז קיינער ניט געווען.

נאָך מיטאָג איז שוין געווען הפקר אַ וועלט. פֿלעגט דער עולם גיין גרופּעסווײַז פֿון איין בעל־הבית צום אַנדערן, און איידער מען איז נאָך אַרײַנגעקומען צו יענעם אין שטוב, האָט מען אויסגעליידיקט דעם שפּײַזאַלמער אין פֿאָרהויז און אַרויסגענומען פֿון דאָרט דאָס לעצטע ברעקל חלה אָדער אַנדערע געבעקסן; איבערגעלאָזט האָט מען בלויז דאָס מילכיקע געבעקס, ווײַל מען איז געווען פֿליישיק פֿונעם מיטאָג.

און אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און מען האָט שוין געהאַט אויסגעליידיקט אַלע שפּײַזאַלמערס, האָט מען זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן אין גאַס, זינגענדיק דערבײַ כּלערליי יום־טובֿדיקע פּיוטים — און פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ ייִד מיטן טלית איבערן קאָפּ און אַ לולבֿ אין דער האַנט, שרײַענדיק הושענא צאן קדשים, און דער גאַנצער עולם צוזאַמען מיט אַ כּאַליאַסטרע קינדער האָט אים אָפּגעענטפֿערט: מע!...

## גרשם באַדער

פֿון רעדאַקציע: מיר בעטן אונדזערע לייענערס וועלכע געדענקען ענלעכע מינהגים פֿון זייערע אַלטע היימען ווי צו פֿאַרשרײַבן און אונדז צושיקן. אַפֿילו אויב עס זײַנען עו גען ווו געווען די זעלביקע מינהגים, איז אויך וויכטיק צו וויסן, ווו וואָס עס איז געווען אָנגענומען — מכּל־שכּן אויב די פֿירונגען זײַנען געווען אַנדערע.

## די פֿאָרשונג פֿון „מישׁשפּראַכיקע" ייִדישע פֿאָלקסלידער

אינעם אוצר ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿאַרנעמט אַן אָנזעעוודיק אָרט אַ גרופּע לידער, וואָס זייער שפּראַך איז אַ געמישטע. כּמעט אין יעדן ליד פֿון דעם טיפּ איז פֿאַראַן אַ געמיש פֿון העברעיִש, ייִדיש און אַ סלאַווישער שפּראַך (רוסיש, אוקראַיִניש, פּויליש, אָדער ווײַס־רוסיש).[1] לידער פֿון דעם מין האָב איך אָנגעציילט איבער הונדערט.

די ערשטע פּראָבלעם וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר די עלטערע וויסנשאַפֿטלערס אונדזערע איז געווען דער אָפּשטאַם פֿון דער קאַטעגאָריע לידער. גינזבורג—מאַרעק, דובנאָוו, אַנ—סקי, פּרילוצקי האָבן אַרויסגעזאָגט מער אַלגעמיינע סבֿרות וועגן די סאָציאַלע שיכטן, פֿון וועלכע די לידער קענען שטאַמען, און וועגן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון וואָס האָבן געבראַכט צו שאַפֿן אַזוינע לידער. שפּעטערדיקע פֿאָרשערס האָבן זיך סיסטעמאַטיש אַרײַנגעטאָן אין אַ טעקסט־אַנאַליז בכדי אויסצוגעפֿינען די פֿורעמס, לויט וועלכע די פֿאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די לידער, און צוצוקומען נעענטער צו דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג פֿונעם געמיש.

איך וואָלט וועלן איבערגעבן בקיצור די אויספֿירן פֿון די עטלעכע סטאַדיעס אין דער אויספֿאָרשונג פֿון די מישׁשפּראַכיקע פֿאָלקסלידער.

### פּרעלימינאַרע סבֿרות

אַזוי ווי גינזבורג און מאַרעק האָבן די ערשטע אָנגעוויזן אויף דער קאַטעגאָריע מיש־שפּראַכיקע לידער, איז כּדאַי צו ציטירן זייער סבֿרא וועגן דעם אָפּשטאַם פֿון די לידער. „וואָס שייך דער אָנגעמערקטער אייגנאַרטיקער לידער־גרופּע", שרײַבן זיי,[2]

> דאַרפֿן מיר זוכן זייער מקור דער עיקר צווישן יענע שיכטן פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס צוליב די אָדער יענע סיבות פֿלעגן זיי האָבן נאָענטע באַציִונגען מיט דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג און פֿלעגן אָפֿט באַנוצן זיך מיט איר שפּראַך. אַ קיצור, די דאָזיקע פֿאַרשיידנשפּראַכיקע לידער פֿלעגן שטענדיק אויסוואַקסן אין קאַנטן מיט אַ שיטערער

[1] עס זײַנען אויך פֿאַרצייכנט מישׁשפּראַכיקע לידער מיט ליטווישע און סלאָוואַקישע פֿערזן. אין עטלעכע לידער זײַנען אויסגעמישט סלאַווישע שפּראַכן צווישן זיך גופֿא.

[2] *Еврейские народные песни в России*. Собраны и изданы под. ред. и с введением С. М. Гинзбурга и П. С. Марека. Изд. *Восхода*, СПБ, 1901 г., стр. XXIII.



> ייִדישער באַפֿעלקערונג, און אין 19טן י״ה האָבן אין אַזאַ מין שאַפֿונג ניט קיין קליינעם חלק געהאַט ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן.

אַ פּנים, אַז אויף דער השערה האָט זיך סומך געווען ש. דובנאָוו, ווען ער האָט אין 1909 געשריבן אַז „אין דער ערשטער העלפֿט 19טן י״ה פֿלעגן די ייִדן, צוואָרפֿענע איבער רוסישע דערפֿער (ייִשובֿניקעס, דאָרפֿסייִדן), ריידן און זינגען זייערע לידער אויף אַ משונהדיק לשון וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מישונג פֿון רוסישע און ייִדישע ווערטער, און גייט אָפֿט איבער אין ריין רוסיש."[3]

די טעאָריע איז שוין דורך דער צײַט ענדגילטיק אָפּגעפֿרעגט געוואָרן. די סאָוועטישע פֿאָלקלאָר־פֿאָרשערס האָבן דורכגעקוקט די רשימה פּונקטן, ווו די מישׁשפּראַכיקע לידער זײַנען פֿאַרצייכנט געוואָרן: אַרויסגעקומען איז אַ צעטל ערטער מיט גאָר געדיכטע ייִדישע ייִשובֿים. אַחוץ דעם ווײַזט זיך אין אַ סך פֿון די לידער אַרויס אַ היפּש ביסל לומדיש חריפֿות, אָבער אין ערגעץ ניט קיין עם־האַרצות. אויב עס געפֿינען זיך גרײַזן, שטעקן זיי דווקא אין די פֿרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן, קיין מאָל ניט אין די ייִדישע אָדער לשון־קודשדיקע. אינטערעסאַנט איז אויך, אַז כאָטש די מישׁשפּראַכיקע לידער האָבן צו טאָן מיט פֿאַרשיידענע טעמעס, ווערט אָבער מיליטער־דינסט אין ערגעץ ניט דערמאָנט. די לידער קענען דעריבער ניט שטאַמען פֿון ייִשובֿניקעס אָדער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן.

ש. אַנ—סקי האָט דער ערשטער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעמאַטיק פֿון די מישׁשפּראַכיקע לידער. „כאַראַקטעריסטיש איז דאָס," האָט ער פֿעסטגעשטעלט, „וואָס די פֿרעמדע שפּראַך ווערט באַנוצט צום אויסדריקן אַקוראַט טיף רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע שטימונגען!"[4] ער שטרײַכט אונטער דעם מיסטיש־מוסר־השׂכּלדיקן כאַראַקטער פֿון די לידער.

נ. פּרילוצקי האָט געהאַלטן, אַז אין מאָמענטן פֿון דבֿקות ווערן די גרענעצן פֿון איין שפּראַך צו שמאָל.[5] זײַן טעאָריע איז הייסט עס אַ פֿאַרקערטע ווי גינזבורג—מאַרעקס. לויט אים איז די צווייִשפּראַכיקייט אָדער דרײַשפּראַכיקייט אַ רעזולטאַט פֿון עקסטאַז און ניט פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט.

### אינווענטאַר פֿון פּובליקירטע מישׁשפּראַכיקע לידער

דער אינווענטאַר איז צוזאַמענגעשטעלט לויט י. גאָלדבערגס רשימה, פּלוס די זאַמלונג פֿון מ. בערעגאָווסקי (זען ווײַטער).

| זאַמלונג | רעליגיעז־נאַציאָנאַלע (קאָמישע און ערנצטע) | אָפּלאַכ־לידער | ליבעלידער | קינדערלידער | אַנדערע | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|
| גינזבורג—מאַרעק | 11 | 2 | 1 | — | — | 14 |
| פּרילוצקי | 17 | — | — | — | — | 17 |
| כּהן[6] | 2 | — | 2 | 2 | — | 6 |
| באַסטאָמסקי[7] | 6 | 3 | 1 | 3 | — | 13 |
| קיפּניס[8] | 19 | 2 | — | — | — | 21 |
| בערעגאָווסקי | 25 | 1 | 7 | — | 3 | 36 |
| צוזאַמען | 80 | 8[9] | 11 | 5 | 3 | 107 |

[3] "Разговорный язык польско-литовских Евреев в XVI—XVII вв.", *Еврейская Старина*, 1, СПБ, 1909, стр. 22.

[4] ש. אַנ—סקי, געזאַמלטע שריפֿטן ב׳ XV, פֿאַרלאַג „אַנ—סקי", ווילנע—וואַרשע—ניו־יאָרק 1925; ז׳ 259 א״ה.

[5] ייִדישע פֿאָלקסלידער, געזאַמלט, דערקלערט און אַרויסגעגעבן פֿון נ. פּרילוצקי, ערשטער באַנד: רעליגיעזע און יום־טובֿדיקע, פֿאַרלאַג „ביכער פֿאַר אַלע", וואַרשע 1911, ז׳ VIII—XX.

[6] י. ל. כּהן, ייִדישע פֿאָלקסלידער, בב׳ I און II.

[7] ש. באַסטאָמסקי, בײַם קוואַל.

[8] מ. קיפּניס, 60 פֿאָלקסלידער און 80 פֿאָלקסלידער, פֿאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע.

[9] גאָלדבערגס ציפֿער 9, וואָס זי נעמט ניט אַרײַן בערעגאָווסקיס זאַמלונג, איז אַ פּנים אַ טעות, און ס׳וואָלט געדאַרפֿט זײַן 7.

עס איז אַ פֿראַגע, צי די רובריקן וואָס איך האָב גענומען פֿון י. גאָלדבערגס אַרבעט זײַנען די פּאַסיקסטע. ער איז אַליין מודה, אַז זײַן רובריק „רעליגיעז־נאַציאָנאַלע" נעמט אַרײַן לידער פֿון תּפֿילה, מוסר, מינהגים, מאכלים, שטייגער, העלדן פֿון תּנך א״אַ. זײַן אויספֿיר וועגן דער איבערוואָג פֿון לידער אין דער רובריק איז דעריבער אפֿשר אַן איבערגעטריבענער. מיגלעך, אַז די אונטערקאַטעגאָריעס וואָס עס פֿירט אײַן בערעגאָווסקי (זען ווײַטער) וואָלטן געווען אָביעקטיווער און פּרוכפּערדיקער.

## י. גאָלדבערגס אַנאַליז

דעם ערשטן קריטישן אַנאַליז פֿון מישפּראַכיקע לידער האָט געמאַכט י. גאָלדבערג.[10] גאָלדבערג הייבט אָן זײַן אַרבעט מיט אַן איבערצײַגיקן אָפּפֿרעג פֿון גינזבורג—מאַרעקס סבֿרות. ער ווײַזט אויך אָן, אַז אַנ—סקי און פּרילוצקי האָבן גענומען די לידער צו ערנצט און האָבן ניט גענוג געזען זייער הומאָריסטישע זײַט. ער גיט אַ רשימה פּובליקירטע מיש־שפּראַכיקע לידער. ער מאַכט אויך אַן אינטערעסאַנטן פֿאַרגלײַך מיט די מאַקאַראָנישע לידער וואָס זײַנען געווען פּאָפּולער אין מערבֿ־אייראָפּע. אַזוי ווי די מאַקאַראָניק איז אויפֿגעקומען אין אַ סטודענטיש־גלחישער סבֿיבֿה, אַזוי זײַנען אויך אונדזערע לידער, האַלט ער, געשאַפֿן געוואָרן צווישן לומדים און קלויזניקעס. אָבער בשעת אַ געמיש פֿון לאַטײַן מיט דער ריידשפּראַך רופֿט אַרויס בײַ די אומות־העולם אַ קאָמישן עפֿעקט, איז די מישונג פֿון ייִדיש מיט לשון־קודש בײַ אונדז אַזוי נאַטירלעך, אַז עס איז נייטיק אויך אַ געמיש מיט אַ ניט־ייִדישער שפּראַך כּדי עס זאָל אַרויסקומען קאָמיש. דערבײַ באַמערקט גאָלדבערג, אַז מחמת דעם מצבֿ פֿון בילדונג בײַ ייִדן זײַנען מישפּראַכיקע טעקסטן מיט העברעיִשע עלעמענטן אַ סך צוטריטלעכער פֿאַר דער ייִדישער מאַסע ווי די לאַטײַניש־מאַקאַראָנישע לידער אין מערבֿ־אייראָפּע.

נאָך אָט דעם אַרײַנפֿיר נעמט זיך גאָלדבערג פֿונאַנדערקלײַבן אין די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון וואָס שטעקן הינטער די לידער.

איין סאָרט מישפּראַכיקע לידער, זאָגט ער, שטאַמט פֿון אַ געפֿיל פֿון נצחון און אויס־פֿײַנערײַ; זיי זײַנען געווענדט כּלפּי חוץ. זאָלן גויים אויך וויסן, וואָסער סוף המן האָט געהאַט; אָדער זאָלן זיי הערן, ווי יאַנקל מיט די תּפֿילין, וואָס ער קען אַפֿילו ניט גוט רוסיש, האָט געראַטעוועט דעם פּריסטאַוו פֿון טויט. די לידער זײַנען קאָמיש צוליב אַזעלכע מאַקאַראָניזמען ווי:

נעגל־וואַסער אומיוואַיו,  
טלית־תּפֿילין נאַקלאַדאַיו...

אָבער גלײַכצײַטיק קומט דאָ צום אויסדרוק אַ נאַציאָנאַלער שטאָלץ: נישקשה, מע לעבט, און לכּבֿוד שבת רײַבט מען טאַקע גוט אַרײַן אויך. נאָך קלערער קומט אַרויס דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין דעם ליד:

אָמר ה׳ ליעקבֿ:  
— טאַק, טאַק, טאַק,  
אַל תּירא, עבֿדי יעקבֿ.

טשיקאַווע איז די איבערזעצונג פֿון „עבֿדי יעקבֿ" מיט „באַרין יעקבֿ". די דרויסנדיקע וועלט, קומט אויס, דאַרף ניט וויסן וועגן יעקבֿס אינעווייניקסטע באַציִונגען מיטן רבונו של עולם; פֿאַר איר פֿיגורירט ער ווי אַ פּריץ. דער מאָטיוו שטעקט אַ פּנים אויך אין דעם וואַריאַנט פֿון אָט דעם מישפּראַכיקן ליד אין שלום־עליכמס דערציילונג „לג־בעומר".

באַזונדער אַנאַליזירט גאָלדבערג די תּפֿילה־ און מוסר־לידער, וואָס זיי זײַנען דערעיקרשט געווענדט כּלפּי פּנים. איינער פֿון די מאָטיוון וואָלט דאָ געקענט זײַן „מולטיפּליקאַציע", וואָס

[10] „די ייִדישע מישפּראַכיקע און פֿרעמדשפּראַכיקע פֿאָלקלידער", צײַטשריפֿט פֿאַר ייִדי־שער געשיכטע, דעמאָגראַפֿיע און עקאָנאָמיק, ליטעראַטור־פֿאָרשונג, שפּראַכוויסנשאַפֿט און עטנאָגראַפֿיע, באַנד II—III. אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור, מינסק 1928, זז׳ 589—606.



דערויף האָט אָנגעוויזן פּרילוצקי. די גרענעצן פֿון איין שפּראַך ווערן אין מאָמענטן פֿון התלהבֿות צו ענג, ווייל מען איבערחזרן דעם זעלביקן געדאַנק אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. גאָלדבערג ווײַזט אָבער אָן מיט רעכט, אַז התלהבֿות קען דאָך זײַן אויך אין ליבע אָדער אין פֿרײַהייטסקאַמף; פֿון דעסט וועגן זײַנען די מישפּראַכיקע לידער על־פּי־רובֿ רעליגיעזע.* דאַרף מען דעריבער זוכן נאָך אַנדערע מאָטיוון.

אַ צווייטער מאָטיוו קען זײַן דער חשק צו וויצלען זיך אויפֿן חשבון פֿון הייליקע זאַכן; דורך אַ מישפּראַכיקן ליד קען מען דאָס טאָן און פֿאָרט ניט אַרײַנפֿאַלן אין חילול־הקודש. דאָס איז, ווײַזט אויס, דער געדאַנק פֿונעם פֿאָלקסליד וואָס שלום־עליכם האָט אַרײַנגעגעבן אין דער דערציילונג „בײַם קעניג אַחשוורוש": „נאַדאָ זנאַט', קאַק גוליאַט'" אאַז״וו.

בײַ חסידים האָט זיך געטראָפֿן אין מאָמענטן פֿון התלהבֿות אַרײַנצופֿאַלן „בבֿחינת עשׂו". די גוטברודערישע גראָבלעכקייט ווערט נאָך דרייסטער, מען הייבט אָן זיך אויפֿפֿירן גויִשלעך; ר׳ אַהרן קאַרלינער פֿלעגט אַפֿילו אין אַזעלכע רגעס שרײַען: „זשאַרו פּאָדאַוואַי!" („גיב צו היץ!"). פֿון אַזעלכע שטימונגען, ווען ריידן גויִש ווערט נאַטירלעך, קענען שטאַמען אַ ריי מישפּראַכיקע לידער, למשל:

אָטצאַ ו דאָמו פּאַקינו,  
טאַי דאָ טשערנאָביל פּאַיעדו, פּאַיעדו,  
ואָט כאַראָשאַ [illegible]  
עי, נאַשאַ יעווריסקאַיאַ סלוזשבאַ טשערנאָבילסקאַיאַ,  
או — כאַ — כאַ!

גוואַלדיק אינטערעסאַנט פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זײַנען אַזעלכע מישפּראַכיקע לידער, וואָס זייער מאָטיוו איז תּיקון. אין זיי איז צוזאַמענגעפּאָרט רעליגיעזער עקסטאַז מיט אינטעלעקטועלער פּיקחות. אין די לידער ווערן אַרײַנגעטײַטשט רמזים און מוסר־השׂכּלען. אין טייל לידער ווערט דער מוסר־השׂכּל אַרײַנגעטײַטשט אין דער סיטואַציע. אַזאַ ליד איז למשל די מעשׂה מיטן מאַלעץ מאַרקאָ, וואָס עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז גאָר דער יצר־הרע;[11] אָדער דאָס ליד „רויז, רויז, ווי ווײַט ביסטו."[12] אַהער געהער אפֿשר אויך דאָס ליד „טשאַס דאָ דאָמו, טשאַס" און „פּיוו יאַ ווסיו נידיליו". אינטערעסאַנט, אַז די שורה פֿונעם אוקראַיִנישן אָריגינאַל: „פּערעד זשינקאַי אָטוויטשאַטי" („פֿאַר דער פֿרוי זיך פֿאַרענטפֿערן") איז דאָ פֿאַרביטן געוואָרן אויף „חשבון צדק אָטדאַוואַטי" („געבן חשבון צדק"). אין אַנדערע לידער פֿון דעם טיפּ ווערן אַרײַנגעטײַטשט רמזים ניט אין דער סיטואַציע, נאָר אין די ווער־טער גופֿא. אין איין באַוווסטן ליד אַזאַ ווערט די פֿראַזע „קאַטאַרינאַ מאַלאָדיצאַ, פּאָדי סיודאַ" אויסגעטײַטשט: „כּת רינה, מלא דיצה, פּדית [אָדער פּודה] שדי". אין אַ צווייטן ליד ווערט דער זאַץ „צי טוט קראַוועץ מיעשקאַ" געטײַטשט אַזוי: „ציא [=צין] איז בגמטריא ק״א; די תּורה דאַרף מען לערנען ק״א פּעמים; טוט איז דער טײַטש טלית ותּפֿילין; קרובֿץ איז דער טײַטש קול רינה ותשובֿה באהלי צדיקים" אאַז״וו.

גאָלדבערג פֿאַרענדיקט זײַן אַרבעט מיט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן די וועלטלעכע לידער. דער פּאַראָדישער עפֿעקט ליגט דאָ, מיינט ער, סײַ אין דער שפּראַכמישונג, סײַ אין דעם קאָנטראַסט פֿון פּאַטעטישע ניגונים מיט אומוויכטיקע ווערטער. אין עטלעכע קינדערלידער געפֿינט ער אַ טענדענץ צו „הינטערשׂכלדיקער שפּראַך" (заумный язык). לסוף פֿאַרגלײַכט ער צוויי וואַריאַנטן פֿון אַ מישפּראַכיק ליד. אינעם ערשטן וואַריאַנט זײַנען געמישט ייִדישע מיט רוסישע סטראָפֿעס; אינעם צווייטן וואַריאַנט איז די שפּראַך בלויז ייִדיש, אָבער עס איז אויסגעמישט רוסישע טעמאַטיק מיט ייִדישער קאָמפּאָזיציע.

* עס איז דאָ אפֿשר כּדאַי צו דערמאָנען זיך, אַז די אַזוי גערופֿענע „אַלטע שבֿועה" פֿון ערבֿ און אָנהייב בונד ענדיקט זיך מיט די רוסישע ווערטער: „ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד, ראַ־באָטשי נאַראָד!" („פֿאָרויס, פֿאָרויס, אַרבעטפֿאָלק!"). אויך מוז מען אַ קלער טאָן, צי איז ניט די גרעסערע מאָס דײַטשמעריש אין ליבעלידער אַ רעזולטאַט פֿון ענלעכע פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן. — רעד׳.

[11] אַנ—סקי, דצ״ו, זז׳ 183—184.

[12] קיפּניס, 80 פֿאָלקסלידער, ז׳ 140.

